# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:02
מוצאי שבת קודש............6:34

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................שיר השירים ח'
בבלי.......................מנחות כ"ז
ירושלמי...................גיטין י"ח
תוספתא....................דמאי ח'
רמב"ם.........מצות עשה פד-קסו


*פרשת יתרו, שבת שירה, כ' שבט, שנת תשפ"ו לפ"ק* — *שנה 15, גליון 19 (737)*


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק, וּמשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים**, דָאס פָאלְק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס, אָבֶער משֶׁה הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּ דֶעם וָואלְקְן וָואס דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קט"ו) זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, וֶוער עֶס לִיגְט אִין גַשְׁמִיּוּת אַלֶע זַיינֶע יָארְן, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְנָאךְ בַּארֶעכְנְט עֶר זִיךְ אֵיין טָאג אוּן עֶר מַאכְט אָפּ צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיז דֶער מִדַּת הַדִּין מְקַטְרֵג אוֹיף אִים, וואוּ אִיז עֶר גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט? אוּן מַאכְט אִים שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דָאךְ אָבֶער יָא אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אִים דִינֶען, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? עֶר בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אִין דִי מְנִיעָה, אוּן וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, קוּקְט אַרַיין אִין דִי מְנִיעָה, זוּכְנְדִיג 'וֶוער בְּרֶענְגְט מִיר דִי מְנִיעָה, וֶוער מַאכְט מִיר דָאס שְׁוֶועריקַייט?' אוּן עֶר טְרֶעפְט דָארְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ דָאס גֶעמַאכְט. וֶוער עֶס הָאט אָבֶער נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן פוּן זַיין מְנִיעָה, פוּן זַיין טוּנְקֶעלֶע נֶעפְּל.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק, **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק**, דָאס פָאלְק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס, דָאס הֵייסְט, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק, וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ נֶעפְּל, מְנִיעוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת שְׁטֵייעֶן זֵיי פוּן דֶערְוַוייטְנְס, זֵיי גֶעבְּן גְלַייךְ אוֹיף, "עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ קֶען נִישְׁט דַאוֶונֶען, אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען", **וּמשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים**, אָבֶער משֶׁה הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּ דֶעם וָואלְקְן וָואס דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דָאס הֵייסְט, דֶער צַדִּיק גֵייט נָאנְט צוּ דִי מְנִיעָה, אֲפִילוּ עֶר זֶעט זִיךְ מִיט שְׁוֶועריקַייטְן, וֵוייסְט עֶר אַז אִין דִי מְנִיעָה אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

בַּיי קִינְדֶער אִיז דָא אַ שְׁפִּיל וָואס מֶען רוּפְט "הֵייס קַאלְט", דֶער שְׁפִּיל גֵייט אַזוֹי, אֵיינֶער נֶעמְט אַ זַאךְ אוּן בִּשְׁעַת אַלֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זֶעעֶן נִישְׁט לֵייגְט עֶר עֶס אוֹיף אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלַאץ, דֶערְנָאךְ הֵייבְּן אַלֶע אָן עֶס זוּכְן, אָבֶער מֶען וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וואוּ צוּ זוּכְן, גֵייט דֶער שְׁפִּיל, אַז דֶער בַּאהַאלְטֶער גֶעבְּט סִימָנִים, אוֹיבּ הֵייבְּט מֶען אָן זוּכְן אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע רִיכְטוּנְג זָאגְט עֶר: "קַאלְט", וֶוען מֶען קוּמְט נֶענְטֶער זָאגְט עֶר: "הֵייס", אוּן וֶוען מֶען קוּמְט שׁוֹין גָאר נָאנְט זָאגְט עֶר: "קָאכֶעדִיג". הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע לִימּוּד וָואס מֶען קֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶערְפוּן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער גָאר שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶס אִיז "קָאכֶעדִיג", עֶס אִיז אִים שְׁרֶעקְלִיךְ הֵייס אִין לֶעבְּן, עֶר גֵייט אַרִיבֶּער קָאכֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', דַארְף עֶר וִויסְן, 'קָאכֶעדִיג' מֵיינְט אַז מֶען אִיז שׁוֹין נֶענְטֶער צוּ דֶער יְשׁוּעָה, דוּ שְׁטֵייסְט יֶעצְט נֶעבְּן דַיין יְשׁוּעָה, עֶפְן אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא בַּיי דִיר, עֶפְן דַיין מוֹיל אוּן זָאג אַרוֹיס אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וָואס אִיךְ טוּ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קוּק וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט בַּאהַאלְטְן אִין דֶעם נִסָּיוֹן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי וַוייטֶער גֵיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶונֶען, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן דִי אַלֶע מְנִיעוֹת".

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, יִתְרוֹ תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### זַיי מִיר מוֹחֵל

מִיר שְׁטֵייעֶן נָאךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִ"ים, וֶוען יֶעדֶער אִיד קֶען גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס מֵיינְט אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְ'ן מוֹיל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּן, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף דֶעם. אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן דִיר צוּ דֶערְצֶערְנֶען, נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף מִיר", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זָאל מֶען זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בֶּאֱמֶת ווִיל מֶען זַיין וואוֹיל.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַארְדִינְט פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט שְׁטְרָאפְן, עֶר נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת. חַזַ"ל זָאגְן (סִפְרָא פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי) אַז אִין דִי מִינוּט וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ זִיךְ מְרַחֵם אוֹיף אִים. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַרָאפְּבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַאר אִים אוּן זָאגְן אַז עֶר ווִיל זַיין גוּט. דֶער פָּסוּק זָאגְט (הוֹשֵׁעַ יד, ג) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי חַזַ"ל (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, פֶּרֶק כ"ד) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז עֶר דַארְף

<<<<<<

**א גוט ווארט**

עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ גֵיין צוּ דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד), שִׂמְחָה הֵיילְט, שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶעס; אוֹיךְ אִיז דָא אַ גוּטֶע מֶעדֶעצִין פוּן רֶבִּי'ן, "טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן"; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק א, סִימָן י), אַז פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע דִינִים; עֶס אִיז גוּט אָנְצוּצִינְדְן אִין שְׁטוּבּ יֶעדְן טָאג פַאר פִינְף צֶען מִינוּט לֶעבֶּעדִיגֶע עֶרְלִיכֶע מוּזִיק אוּן פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן, דָאס אִיז אַ רְפוּאָה אוֹיף פַאר דִי נֶפֶשׁ, עֶס הֵיילְט מֶענְטְל.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַּח תשפ"ו)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# גוּטֶע חֲבֵרִים

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, דוּ זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים מֶער וִוי מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן אַ פַייעֶר, וַוייל שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים קֶענֶען חָרוּב מַאכְן דָאס לֶעבְּן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט.

צְוֵויי סִימָנִים גֶעבּ אִיךְ דִיר צוּ זֶען וֶוער אִיז אַ נִישְׁט גוּטֶע חָבֵר פַאר דִיר:

1) הֶער וָואס יֶענֶער רֶעדְט, אַז יֶענֶער רֶעדְט מִיאוּסֶע וֶוערְטֶער אָדֶער כְּמוֹ מִיאוּסֶע וֶוערְטֶער - זָאלְסְטוּ אַוֶועק שְׁטֵיין פוּן יֶענֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה חֵלֶק א, סִימָן א): "מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל פֶּה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן", וֶוער עֶס רֶעדְט שְׁמוּצִיג אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ שְׁמוּצִיגֶער מֶענְטְשׁ; גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג פוּן בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן פוּן שִׁידוּכִים וְכוּ'.

2) גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן בָּחוּרִים וָואס זָאגְן דִיר זָאלְסְט נִישְׁט פָאלְגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, פוּן זִיךְ אַוֶועק רִירְן פוּן דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן, חַס וְשָׁלוֹם, חַס וְחָלִילָה זִיךְ אַוֶועק רוּקְן פוּן דִי וֶועג וָואס דִי עֶלְטֶערְן גֵייעֶן.

זַיי שְׁטַארְק מִיטְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), לֶערְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, זִיבְּן דַפִּים גְּמָרָא, זָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים אוּן לֶערְן אַסַאךְ סֵפֶר הַמִּידּוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין אִין גַאס מִיט דִי אוֹיגְן אַרָאפּ אוּן דִי קָאפּ אוּן הַארְץ אוֹיף אַרוֹיף, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זַיין אַ צַדִּיק.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

ב. מִי שֶׁהוּא עָרוֹם מִמַּעֲשִׂים טוֹבִים, אֵינוֹ יָכוֹל לְהַפְרִישׁ אֲחֵרִים מֵרִשְׁעָתָם. וֶוער עֶס אִיז אַלֵיין נַאקֶעט פוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים, דֶער קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

ג. הַתַּעֲנִית קָשָׁה מֵחֶרֶב. פַאסְטְן אַ תַּעֲנִית, אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַ שְׁוֶוערְד.

ד. הַתְּשׁוּבָה רָאוּי שֶׁתִּהְיֶה בְּאוֹתוֹ דָּבָר עַצְמוֹ. וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דַארְף עֶס זַיין מִיט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִין וָואס מֶען אִיז דוּרְכגעפאלן.



גָארְנִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר וֶוערְטֶער. עֶר וִויל נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּ אִים אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, אוּן דַאן וֶועט עֶר אִים שׁוֹין מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ אִיד טוּט חַס וְשָׁלוֹם אַן עֲבֵירָה, וֶוערְט דָאס אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז) "וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם". אוּן דָאס מַאכְט אַז דִי בֵּיינֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זָאל צוּבְּרָאכְן וֶוערְן. דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער אוּן טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אָבֶּער אַרוֹיס מִיטְ'ן מוֹיל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַאן גֵייעֶן אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע צָרוֹת, אוּן עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

אוּן דֶערִיבֶּער זָאגְן מִיר אֵייבִּיג דִי וִדּוּי בַּיים דַאוֶוענֶען לוֹיט דִי א' ב' – אָ'שַׁמְנוּ בָּ'גַדְנוּ גָּ'זַלְנוּ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי דִי לַאנְגֶע "עַל חֵטְא'ס" גֵייט עֶס אוֹיךְ לוֹיט דִי א' ב'. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען נוּצְט דִי אוֹתִיּוֹת אוֹיף זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין, מִיט דֶעם גֵייט אַרוֹיס דִי אַלֶע אוֹתִיּוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער.

אוּן דֶערִיבֶּער, וַוייל דָאס זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן עֶס הֶעלְפְט אַזוֹיפִיל פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אַזוֹי מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין יֶעדְן טָאג בַּיי תַּחֲנוּן, אוּן טֵייל זֶענֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיךְ בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן "שְׁמַע קוֹלֵנוּ", אוֹיךְ דִי וָואס זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זֶענֶען זִיךְ דָארְט נָאכְאַמָאל מִתְוַדֶּה.

דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶענוּג, וַוייל אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט דֶער קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, אוּן עֶר טְרַאכְט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט. דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּ אִים, אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. אוּן דָאס וֶועט מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן אִים אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

### אִיךְ מֵיין עֶס נִישְׁט אֱמֶת'דִיג

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס הַאלְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אִיז דָאס וָואס עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר מֵיינְט דָאךְ נִישְׁט אֱמֶת'דִיג וָואס עֶר זָאגְט. עֶר זָאגְט טַאקֶע פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען ווּאוֹיל, אוּן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער אֵייבִּיג זַיין עֶרְלִיךְ אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן נָאר גוּט. עֶר וֵוייסְט דָאךְ אָבֶּער טִיף אִין הַארְץ דֶעם אֱמֶת אַז עֶר זָאגְט דָאס נִישְׁט אֱמֶת'דִיג מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְאַמָאל דוּרְכְפַאלְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אֱמֶת'דִיג אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן עֶס נוּצְט אוֹיךְ. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן בִּלְעָם, זָאגְט דָארְט דֶער פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כה, לד) "וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל מַלְאַךְ ה' חָטָאתִי" - בִּלְעָם הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן מַלְאָךְ אַז עֶר אִיז זִיךְ מוֹדֶה אוּן מִתְוַדֶּה אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ', ל"ו) אַז בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוּן זָאגְט "אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט", דַאן קֶען קַיין שׁוּם מַלְאָךְ אִים נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן שְׁלֶעכְטְס טוּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אַזַא רָשָׁע וִוי בִּלְעָם, וָואס עֶר הָאט זִיכֶער גֶעוָואלְט וַוייטֶער אוֹיךְ שְׁלֶעכְטְס טוּן; וִוִיבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען, הָאט מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטְרָאפְן. אִיז דָאךְ זִיכֶער בַּיי אוּנְז, וָואס מִיר זֶענֶען גָאר וַוייט פוּן צוּ זַיין אַזוֹי וִוי בִּלְעָם, יֶעדֶער אִיד וִויל בֶּאֱמֶת זַיין ווּאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, נָאר עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרַע; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים אַלֶעס מוֹחֵל, אוּן עֶס קֶען גָאר נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס צוּ אִים.

וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין, אֲפִילוּ וֶוען אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶר עֶס נִישְׁט זָאגְן מִיטְ'ן גַאנְצְן אֱמֶת אוּן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, וֶועלְן אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיינְגֵיין מֶער אוּן מֶער אִין זַיין הַארְץ, בִּיז עֶר וֶועט עֶס טַאקֶע יָא זָאגְן מִיט אַן אֱמֶת. עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוּן ווּאוֹיל אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ וִדּוּי)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (רלט)

דֶער רֶבִּי הָאט אַרוּמְגֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז מֶען זָאל זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת פָּשׁוּט מִיט תְּמִימוּת, אוּן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַּשְׁטוּת אוּן תְּמִימוּת, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן י״ט) וָואס רֶעדְט פוּן תְּמִימוּת אוּן פוּן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן חֲקִירוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ לָאזְט מֶען אָפּ דִי פָּשׁוּטֶע אִידִישֶׁע זַאכְן וָואס פָּשׁוּטֶע אִידְן טוּעֶן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דָאס זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת, זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִים, זָאגְן תְּחִינוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל אָנְקוּמֶען בַּיים סוֹף צוּ חֲקִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל דֶער עִיקָר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער טוּעֶן.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, ״אִיךְ בִּין מְקַנֵא דֶעם ר׳ יוֹסְל, דֶער אֵיידֶעם פוּן ר׳ יַעֲקֹב, וָואס עֶר קֶען זָאגְן אַסַאךְ״; אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעוואוֹינְט אַ פָּשׁוּטֶער אִיד מִיטְ׳ן נָאמֶען ר׳ יוֹסְל, וָואס עֶר פְלֶעגְט זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ יֶעדְן טָאג, אַסַאךְ תְּהִלִים, תְּחִינוֹת, בַּקָשׁוֹת, מַעֲמָדוֹת, אוּן נָאךְ, אַ גַאנְצְן טָאג הָאט עֶר כְּסֵדֶר גֶעזָאגְט אוּן גֶעזָאגְט וָואס אִיז אִים נָאר אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען אִין הַאנְט, חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, עֵין יַעֲקֹב; אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט מִיט זַיין פַּשְׁטוּת אוּן תְּמִימוּת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט קֶענֶען קַיין חָכְמוֹת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוּן אֱמוּנָה.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז פַּשְׁטוּת אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ זִיכֶער הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פָּשׁוּט בְּתַכְלִית הַפַּשְׁטוּת.

דֶער רֶבִּי הָאט וַוייטֶער אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אוּן תְּמִימוּת, נִישְׁט אַרַיינְצוּגֵיין אִין קַיין שׁוּם חֲקִירוֹת, נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין קַיין שׁוּם סְפָרִים פוּן מֶחְקָרִים, נָאר גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אָן קַיין שׁוּם חֲקִירָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אִין שִׂיחוֹת הָרַ״ן (סִימָן ל״ב), זֶע דִי שְׁמוּעֶס אִינֶעוֵוייגִיג.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט, ״בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז אֱמוּנָה גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן דֶער עִיקָר אֱמוּנָה אִיז אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת, נָאר מִיטְ׳ן גַאנְצְן פַּשְׁטוּת, אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״.

דִי שְׁמוּעֶס הָאט זִיךְ פַארְצוֹיגְן בִּיז צוּם עֲלוֹת הַשַּׁחַר שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, פוּן דָארְט אִיז מֶען גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען זִיךְ

<<<<<<

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# קָאסְטוּמֶער סֶערְוִויס פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס שֶׁעלְטְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶפֶּעס אִיבֶּער מַיין אַרְבֶּעט. אִין דִי קָאמְפַּאנִי וואוּ אִיךְ אַרְבֶּעט אִיז מַיין דְזְשַׁאבּ אוֹיפְצוּהֵייבְּן טֶעלֶעפָאן קָאלְס אוּן גֶעבְּן סֶערְוִויס פַאר מֶענְטְשְׁן, מַאכְט זִיךְ אָבֶּער אַסַאךְ מָאל אַז עֶס קְלִינְגֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אוֹיפְגֶערֶעגְט, אָדֶער מֶענְטְשְׁן מִיט נַפְשִׁיוּתְ׳דִיגֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכַדוֹמֶה, אוּן זֵיי קֶענֶען שְׁרֵייעֶן אוּן שֶׁעלְטְן אוֹיבּ עֶפֶּעס גֶעפֶעלְט זֵיי נִישְׁט.

אִיךְ פוּן מַיין זַייט פְּרוּבִּיר צוּ טוּן וָואס אִיךְ קֶען צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן וָואס רוּפְט, אוּן אִיךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן, מַיין שְׁאֵלָה אִיז אָבֶּער וָואס אִיךְ דַארְף טוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט אוֹיף מִיר אוּן שֶׁעלְט מִיר, צִי דַארְף אִיךְ זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן דִי קְלָלוֹת? קֶען עֶס מִיר טַאקֶע שָׁאטְן? אָדֶער דַארְף אִיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן?

אִיךְ וֶועל זִיךְ שְׁטַארְק פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען קָאסְטוּמֶערְס הֵייבְּן אָן שֶׁעלְטְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, בְּלַייבּ שְׁטִיל, אוּן וֶוען יֶענֶער בַּארוּאִיגְט זִיךְ - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ רֶעדְן פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דִי קְלָלוֹת, דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן. דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, ב): ״כַּצִּפּוֹר לָנוּד, כַּדְּרוֹר לָעוּף״, אַזוֹי וִוי אַ פֵייגְל פְלִיט אַרוֹיס פוּן אִיר נֶעסְט, זִי פְלִיט אַרוּם זוּכְן עֶסְן, אוּן בַּיים סוֹף קוּמְט זִי צוּרִיק צוּ אִיר נֶעסְט, ״כֵּן קִלְלַת חִנָּם, לוֹ תָבֹא״, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס שֶׁעלְט - וֶועט דִי קְלָלָה צוּרִיקְקוּמֶען אוֹיף אִים אַלֵיינְס.

דָאס דַארְף דִיר גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצוֹת, חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל פַאר דִי וֶועלְט. וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע צַעַר אוּן פְּלָאג אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן קיט), יֶעדֶער אֵיינֶער לַיידְט יִסוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִסוּרִים, אוּן אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט יִסוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): ״אָדָם לְעָמָל יוּלָּד, קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז״, אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֵוייניג אוּן פוּל מִיט וֵוייטָאג, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת ב, כג): ״גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת״, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט כַּעַס אוּן וֵוייטָאג; אוּן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט וִוי מֶען הָאט גֶעוָואלְט אוּן גֶעפְּלַאנְט - וֶוערְט מֶען מְשׁוּגָע, מֶען שֶׁעלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן; דַארְף מֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע לוֹיטֶערֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן וָואס בְּלָאזְט אַרַיין אֱמוּנָה, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי מֶען ווִיל, אַשְׁרֵי הָאָדָם וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז עוֹסֵק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַח תשפ״ו)

טוֹבְלְ'ן אִין מִקְוֶה אוּן צוּם דַאוְֹוענֶען.

פוּן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן לֶעמְבֶּערְג, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט שׁוֹין נִסְתַּלֵק וֶוערְן, הָאט עֶר פוּן דֶעמָאלְט בִּיז צוּ זַיין הִסְתַּלְקוּת גֶערֶעדְט גָאר אַסַאךְ מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נָאר פוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אַלֶע סָארְט כּוֹפְרִים אוּן אֶפִּיקוֹרְסִים אוּן סִפְרֵי חֲקִירוֹת, אֲפִילוּ פוּן דִי וָואס גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַריינְקוּקְן אִין דִי אַלֶע סְפָרִים וָואס רֶעדְן פוּן חֲקִירָה, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אֱמוּנָה קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, זָאל זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין, עֶס קוּמְט נִישְׁט אַריין צוּ גֶעבְּן כָּבוֹד פַאר אֵיינֶעם, אוֹיבּ רִירְט עֶס אָן דִי פִּינְטֶעלֶע הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, דַארְף מֶען עֶס אַרוֹיסְוַוארְפְן אוּן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן דֶערְפוּן, וִוי וַוייט מֶען קֶען נָאר.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן שִׂמְחָה, צוּ טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, וַוייל שִׂמְחָה אוּן אֱמוּנָה אִיז גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדֶען, אֵיינְס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם אַנְדֶערְן.

**תשצג**

נָאךְ שַׁבָּת אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ וָואגְן אִינְאֵיינֶעם מִיט רֶבִּי נָתָן אוּן מִיט נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ פָארְן שְׁפַּאצִירְן אִין עֶפֶּעס אַ פֶעלְד אָדֶער וַואלְד, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פֶעלְד הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן דֶעם בַּעַל עֲגָלָה זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן דָארְט, וֶוען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען שׁוֹין אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען פוּן וָואגְן אִיז דֶער רֶבִּי נָאךְ גֶעזֶעסְן אוֹיפְ'ן וָואגְן אוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם אִים, אוּן אִינְצְוִוישְׁן אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן צַייט צוּ דַאוְֹוענֶען מִנְחָה אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט דָארְט שְׁטֶעלְן דַאוְֹוענֶען.

הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י"א), וָואס הוֹיבְּט זִיךְ אָן, "וְוִיסְן זָאלְסְטוּ, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוְֹוענְט אִין פֶעלְד", זֶע דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִינֶעוֵוינִיג, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "אַזוֹי וִוי אִיר שְׁטֵייט אַלֶע אַרוּם מִיר, זֶע אִיךְ דִי גְרָאזְן, וִוי אַזוֹי יֶעדֶעס גְרָאזְל שְׁטוּפְּט זִיךְ צוּ צוּ יֶעדְן וָואס שְׁטֵייט דָא, זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהֵייבְּן אוּן אַריינְגֵיין אִין זַיין דַאוְֹוענֶען".

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **העניך אינדיג** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **חיים דוד ראזענבערג** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שידוך שליסן פון זיין טאכטער עב"ג למזל טוב**

***

מו"ה **שמחה בלאק** הי"ו לאנדאן
גבאי ביהמ"ד "היכל הקודש" לאנדאן
**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה נ"י למז"ט**

***

מו"ה **שלום שניצלער** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון נתנאל נ"י למזל טוב**

***

מו"ה **מרדכי אהרן הײלפרין** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון נחמן נתן נ"י למזל טוב**

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

# ברסלב מצה בעקעריי ברוך ה' געעפנט פאר'ן סעזאן

הודו לה' כי טוב! מיר דאנקען דעם באשעפער אז די "מצוה בעקעריי" אין שטעטל האט שוין געעפענט אירע טויערן פאר'ן קומענדיגן פסח סעזאן, כדי אנשי שלומינו זאלן קענען האבן מצות געבאקן לויט'ן געברויך.

די הנהלה האט אריינגעלייגט גאר גרויסע כוחות און מאנאטן פון שווערע ארבעט מיט פלאנירונגען. די גאנצע אפעראציע ווערט געפירט אונטער די אויפזיכט פון חבר הנהלה מו"ה שבתי מזרחי הי"ו און דער מענעדזשער מו"ה נח הערש ווייס הי"ו. דער דיין שליט"א גיבט א שטרענגע השגחה און קומט כסדר פערזענליך אראפ איבערצוקוקן די טעגליכע ארבעט פונדערנאנט.

די מצות ווערן געבאקן מיט די העכסטע סטאנדארטן פון כשרות, הידורים און חומרות. אלע הוראות און אנווייזונגען פאר'ן בעקעריי ווערן געגעבן פערזענליך דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, וועלכער פירט אן דעם גאנצן פראצעס מיט פונקטליכע הדרכה און גייט איבער יעדעס איינציגסטע דעטאל מיט'ן מענעדזשער און מיט'ן דיין. דער דיין באזוכט דארט רעגלמעסיג און האלט אן אפן אויג אויף די גאנצע ארבעט, פונעם קנעטן ביז'ן אפשיקן צו די קונדן. דער דיין שליט"א האט זיך אויסגעדריקט אז ס'איז נישטא קיין מצות אזוי מהודר ווי די וואס ווערן געבאקן אין די ברסלב'ער מצה בעקעריי.

אנשי שלומינו וואס קויפן דארט מצות שוין די לעצטע פאר יאר, זינט די בעקעריי האט געעפענט, זאגן אז די מצות זענען אויסערגעווענליך געשמאק און וואונדערבאר. און נאך מער איז דאס וויסן אז די מצות ווערן געבאקן דורך ברסלב'ער חסידים, יראים ושלמים, וואס זענען דבוק אינעם אייבערשטן און גייען זיך אין מקוה יעדן איינציגן טאג, און בשעת'ן ארבעטן מיט די מצות שאקלען זיך זייערע ליפן וועט זיי רעדן זיי צום אייבערשטן.

אנשי שלומינו קוקן עס אן פאר א געוואלדיגע זכיה צו קויפן די מצות דא אין אונזער מצה בעקעריי. מיט דעם זענען זיי מקיים די "לכו והתפרנסו זה מזה", און העלפן צושטעלן פרנסה בדרך כבוד פאר פילע משפחות פון אונזערע חברי הקהילה וואס ארבעטן אין די בעקעריי מיט גרויס געטריישאפט.

אזוי ווי דער יום טוב פסח קומט שוין אן מיט שנעלע טריט און די צייט איז גאר קנאפ, איז די צאל פון די מצות זייער באגרעניצט. צוליב די באגרעניצטע צאל מצות וואס מ'קען באוויזן צו באקן פאר'ן יום טוב, בעטן מיר דעם עולם מען זאל מאכן די ארדערס ווי פריער מעגליך, כדי מיר זאלן קענען נאכקומען די באדערפענישן פון יעדן איינעם אויפ'ן בעסטן אופן.

ווער עס וויל באשטעלן מצות זאל ביטע רופן מו"ה נח הערש ווייס הי"ו, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט ער טון זיין מאקסימום נאכצוקומען יעדנ'ס פארלאנג.


## מכובד'דיגע פרנסה

וועלכע סארט פרנסה פאסט פאר אן היימישן איד צו נעמען? און איז ענדערש א דזשאב, אדער עפענען אן אייגענע ביזנעס?

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 1, 67**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >